אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

# דיווילדע צילקע • Tsilke the Wild — Chapter 3

By **Zusman Segalovitsh**, translation by Daniel Kennedy

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (February 2021)

For the online version of this translation see:

[https://ingeveb.org/issues/tsilke-the-wild]

# Chapter 3: Sasha Lurie

As a child, he'd been a troublemaker, an arrogant boy who always seemed to get what he wanted, whom no one would dare refuse anything. At school his teachers were less strict with him than with the others. Everyone knew about his wealthy family. He was a capable but lazy pupil, always wanting things to come to him of their own accord.

Pride was his defining trait. Learning held no interest for him, but if another pupil happened to overtake him, getting a better mark than him, he would not tolerate it.

This is how it always went:

If he started a stamp collection it had to be the very best collection. His skis, the very best. His books, in the most luxurious binding.

He was the son of a Lurie after all. He had been pampered since the day he was born.

The Luries . . .

Their name was always uttered with the utmost reverence. Theirs was a wealthy family, of good character and lineage, and they were always ready to help others.

They had a carriage with two black horses. The only Jewish-owned carriage in the city. It could arrive at the gates of the gymnasium, and Sashkele would ride home with his books like a little prince.

The whole street would watch: Look at that! He's only a boy and they send two such magnificent horses to pick him up! He rides in a carriage with rubber tyres . . . People envied and marvelled at the family's wealth.

The Luries . . .

They had business abroad; the governor himself paid them visits, and yet they were not arrogant; they comported themselves like decent Jews—to the extent possible for such a rich family.

Sasha was their great hope, they loved him very much.

And the portly school boy had the best friends; everyone was his friend.

Later, when the boy grew into a young man, he fell in love with a girl from his class. She was the most beautiful in the city. Everyone in Grodno spoke of her beauty.

Everyone, even officers, stood to attention whenever she walked down Soborna Street. And perhaps it was because everyone else was talking about her that Sasha fell in love.

Her parents were poor, while he was a Lurie. And yet somehow the girl wanted nothing to do with him:

"Tubby there just isn't my type."

Sasha was plump and round though he had a gentle, charming voice and dark, shining eyes.

His enemies called him "Tubby" which greatly offended him whenever he heard it. He would lose his temper, stamp his feet, and scream.

"Tubby there just isn't my type," the schoolgirl said, and she went around with other boys and even with officers.

With everyone except Lurie's son.

It was his first taste of defeat in life.

For the nineteen-year-old it was enough to cause him deep melancholy, culminating in a large dose of arsenic which was very nearly the end of him.

For a long time after, he continued to speak about taking his own life. They even found him with a revolver, though he had no bullets for it.

All these experiences left their mark on "Tubby." He grew thin and silent, broke off his studies, and fled from his friends.

Later his parents brought him abroad, taking him from Berlin to Paris, from Paris to Zurich. He stayed in Zurich for a time, where he found some peace and resumed his studies.

He made many acquaintances and friends in Zurich and in other cities in Switzerland. It was a time when the youth was consumed with hatred for the Tsar. New parties were forming all the time. The Russian immigrants, and among them thousands of young Jews, had one dream, one desire: to be free of despotism, to organize the workers. Every day there were meetings, public readings, lectures. Sasha Lurie was also mixed up in those circles, but he did not join any particular faction.

He would, from time to time, help one revolutionary or another with large sums of money.

Various factions thought that he would soon join their ranks. But no; the next morning he would head off to the mountains with a new "acquaintance." Women were fond of him and he had more money than the others. He received a generous allowance from Grodno.

Sasha studied hard and prepared to write a dissertation. He had grown into his face, which had become more refined. In the mountains, tourists mistook him for a Levantine. His appearance would stop people in their tracks as he strode by with calm, bearlike steps.

He was rarely impassioned, seldom reacted noticeably in circumstances where others would be surprised.

He was a world unto himself, one who, through his exterior calm and aloofness, drew attention to himself.

At gatherings, which he attended out of boredom, he would listen and content himself with a laconic phrase.

More than once he was heard to say things like: "There are too many people in the world, too many to share in God's bounty. We're doomed to squabble for all eternity . . . well, so be it—sometimes that can be quite interesting."

"But Sasha, one person works for the other's benefit: from each according to his ability, to each according to his needs . . ."

He would remark that he had no desire to be drawn into a discussion, and would snap with a habitual firm: "*Naplyevat*!"[1] and remove himself from the crowd.

And yet, many remarked that, if he wanted to, he could be a great orator—a doer, a man who everyone would follow. Different groups called him to them. He would smile:

"Sometimes I like the world just as it is, with all its joys and pain, and other times, when I hate it, I hate everything about it, including you and all those who want to create the world anew. So please do leave me in peace!"

No one was offended by his harsh words, but they were disappointed:

"Such a waste, a talented young man like that living without purpose."

Often, upon receiving a large sum of money from back home, he would head off to Monte Carlo, fritter it all away and return energized.

Such a feeling! To be a millionaire one minute and to lose it all a minute later.

His head was on fire, his nerves trembled: a world of experiences there in Monte Carlo, in that hell of gold.

The others would regard his behaviour with mild contempt; when all was said and done, he remained a child of the bourgeoisie and wasn't likely to change.

Despite his minimal efforts he nevertheless finished his studies with better grades than the others. He always scorned books and those who read them and yet somehow found himself unwittingly reading most of the classics; he took an interest in botany and astronomy and whatever information found its way into his head usually stayed there. When it came to debates he was an opponent to be reckoned with.

But none of it mattered to him; not his studies, not Monte Carlo, and not his adventures with women.

"What do you live for?" people would ask him.

"A strange question," he would respond.

"Everyone has a purpose."

[1] Russian "I couldn't give a damn!"

"And what does one get out of having a purpose?"

"Agh, you're impossible to talk to, Sasha!"

"Who's asking you to talk . . ."

And in those moments he would stretch out his stiff, well-nourished body and stare off into the distance like an irritated prince who had been disturbed by some trivial matter.

On one occasion he got involved with a woman—one thing led to another and in the end he was confronted by a Christian student who insulted him with crude words. Lurie the Grodnor raised his firm hand and slapped him. A commotion broke out in the colony: a duel, there would be a duel!

Sasha was challenged to fight with swords.

He categorically declined:

"I despise such childish games. I give him a scratch, or he gives me a scratch. I have no time for such foolishness.

Many urged upon him: "We will bear the brunt of this—they will say that Jews are cowards."

Things grew heated and eventually Sasha allowed himself to be convinced.

"Fine. I will fight him, but not with swords; if a thing is worth doing, it's worth doing right . . . with revolvers!"

Both factions were shocked: it could end in death. But Sasha Lurie was resolute and he prevailed.

Rules were drawn up, the "seconds" strove to make them as lenient as possible.

And so, one bright dawn, a foreign nobleman from Bavaria and the foreign Sasha Lurie from Grodno took their places, one opposite the other, armed with revolvers.

The offended party fired first. And missed. Lurie remained calm and fired, gravely wounding his opponent. Afterwards he had long troubles with the Swiss police.

Sasha became a hero to many, but he considered it the most foolish thing he had ever done. The only thing that consoled him was that on that morning, as he fired his revolver, there had been an unusually beautiful sunrise, and the mountains were wonderfully illuminated.

That morning remained engraved in his heart.

For a long time he could not forgive himself for having allowed others to draw him into their foolishness.

After the incident with the duel, he took a long trip through Italy. He hiked alone in the mountains and by the shore of the sea. More than anything he enjoyed wandering among the ruins of old crumbling castles. He gazed with curiosity at the ruined buildings, not knowing why it gave him such pleasure to observe everything fall to pieces.

After his journey in Italy, he returned home.

He had left as a young lad with round shoulders, fleeing from his first defeat in life, from unrequited love, and he returned to Grodno as a young man with a diploma, which he would never attempt to make use of.

He moved back into his rich father's house and settled back in.

Having seen the mountains, and experienced the bustle of life abroad, Grodno now seemed so provincial. Everything: all the people, the buildings, even his former love—how could he have fallen in love like that, sighing for love like that, wanting to poison himself for love?

No, that had been a different Sasha.

What did he bring home with him from abroad?

Naturally he now had an education, but it was never put to use in the service of others, nor did it serve Sasha in any way.

He did nothing.

He greeted people with a skeptical affability, and paid them visits.

Not often, admittedly—the greater part of his time was spent on his father's comfortable sofa. He slept a great deal, and ate a great deal.

Sometimes he would take a book and spend a little time on it before losing himself once again to his thoughts.

Thoughts of who knows what.

A Swiss landscape, an evening, an encounter would drift past his mind's eye and . . . time for a stroll down Soborna Street.

Such boring days and such a tedious street: the Soborna, with its gymnasium pupils, who now looked at him with respect—no small thing, an educated man, who's spent so many years abroad!

He seldom found people to spend time with, to speak with, or while away the hours rowing on the peaceful river Neman.

He was often to be seen sitting alone on a park bench, always in new clothes, but always in the same shabby gray hat, which he had brought back from abroad.

People understood it all:

Lurie's first-born had gone abroad to study: Who else should study abroad, if not the son of such a rich man? Lurie's son had come back from abroad, all educated, and was doing nothing . . . what of it? Only the wealthy can allow themselves such luxuries.

Lurie's son played cards in the club with the officers, and sometimes got drunk with them. People had no problem understanding any of this.

But the one thing they could not understand was why someone like Sasha Lurie wore such a shabby old hat. And Sasha wore it to spite them all. Always and everywhere—the same gray hat.

Girls recognized him from afar thanks to his gray hat . . .

Mostly he walked alone through Grodno's narrow streets. People haggled in the modest shops, mothers were preoccupied with finding matches for their daughters, while the provincial girls conducted love affairs.

Sometimes there was a funeral . . .

Sometimes a wedding . . .

Sometimes a fire, a bankruptcy!

How does such a city live?

But Lurie's son, the plump youth with his eternal hat, with his gaze that seemed to notice nothing and no one, lent the gray life of the city a new color.

And whenever some young lady or other walked alongside him, it aroused great surprise and curiosity:

"Haha, look who's walking with Gray-Hat!"

"There she goes, cozying up to his father's millions."

People would look with jealousy at such girls, but he had no intention of finding a wife, and paid little attention to the city and its preoccupations.

It seemed as though he had fallen into a slump and could not get out again, as if he were in exile.

He received various German and French newspapers from abroad. Once a month he would plunge into them, leafing through the pages, before casting them aside.

He was often bored, and the boredom poisoned his will, robbing him of the energy to leave—so be it.

Boredom led him to strange whims.

Sasha Lurie fell enamoured of dogs.

Pugs, St. Bernards, hunting dogs, it was an all-consuming passion for him. He began buying dogs, seeking out hunters to find the best breeds. When he grew bored of one creature he moved on to the next.

"That idler is hanging around with mutts!" the neighbors laughed.

His parents indulged him; he was, after all, still their little Sashele who deserved whatever his heart desired.

In those days Sasha was rarely to be seen alone; he was always accompanied by one of his four-legged companions.

When people have such wealth.

When there's nothing to worry about.

They befriend dogs. So be it! Dogs have a right to live too, and the dogs were happy to fall into the hands of someone like Sasha.

How many times did the Luries open their door to find some shabby stranger on their doorstep, asking:

"You're looking to buy a dog? Good pedigree . . ."

"Not me," old Lurie would laugh, "I'm in the lumber business. Dogs are my son's trade." And he would call out: "Sasha, come to the door; there's some merchandise here for you."

Sasha would inspect the wares, with a friendly pat.

But everything has its limit, and Sasha soon grew weary of that too. All the St. Bernards and greyhounds disappeared from view and Sasha was once again left with the gray hat . . .

Sometimes with books.

Sometimes playing cards with the officers in the club.

Sasha remained on everyone's lips:

"If he wanted to he could have found the best match."

"And business . . . his father isn't getting any younger. Strangers are managing his father's forests and sawmills."

"Such a waster."

"Such a nobody . . ."

And yet no-one harbored any ill-will towards him.

People called him "Sashke," though not everyone knew him personally and he was reluctant to make new friends.

His father and relatives would confront him:

"Throw away that old hat!"

Sasha would laugh good-heartedly and shrug.

If you asked his father about it, he would say:

"He was abroad, it cost me a fortune. And all he brought back was an old hat, that old hat of his!"

But his father loved him and gave him as much money as he desired.

Sasha went through a card playing phase. He didn't come home for days on end and they say he could play non-stop for three days straight, taking short naps in his seat and then playing on.

His family knew all about it, but no one said a word to him.

"It will pass," said old man Lurie, and he knew his son.

One fine day, Sasha put aside his cards. Why?

He felt that it was becoming the center of his life, and that was the thing he feared more than anything. As far as he was concerned, being a slave to his passions meant being in hell, and he prefered to stay in this world . . .

He was lazy and slow to work, and he had received an education that had allowed him to avoid confronting life's hardships.

He was no fool. He laughed about Grodno, that backwater, provincial city, and the whole world . . .

And that was the end of the card playing . . .

He even stopped frequenting the club.

It was summer by then. Every evening he would take a boat and travel far downstream, smoking a cigar.

Young couples would recognize his boat a mile off in the darkness.

"It's Sasha . . .."

" . . . the flame of his cigar!"

He had still not thrown away his gray hat.

A strange affectation. Perhaps the hat reminded him of his student years abroad? Perhaps. Everyone has a curiously stubborn attachment to little things.

After the cards he spent several weeks lost in books, eating and sleeping. He slept by night and he slept during the day. Perhaps he himself did not realise how zealously his sleep was safeguarded. The servants had been warned not to bang the doors, not to make any noise . . .

Even his father would speak with clients in the furthest room so as not to disturb his son.

His son, however, did nothing, and it was clear for all to see.

*Decent* people look out for one another.

Old Lurie urged upon him many times:

"Come with me to the forest sometime; I have such a large estate and I'm getting old—who am I amassing it all for? Help me a little."

Sasha would shrug and say nothing.

One time though, he did answer his father's request:

"Perhaps . . . we'll go."

For his father this was a joy. He believed in his son, believed that eventually he would make a man of himself, that one day he would throw away his gray hat and put all that foreign nonsense behind him.

Sasha would become a man.

It would just take a little time, and Sasha was in no particular hurry. The white sofa seemed to fit him like a glove and lying there he could imagine he was in a dacha in Lososno. He would notice someone there, a splendid figure, silent, a little to his taste.

He visited Lososno a few times but eventually dismissed the affair with a wave of the hand. With one short phrase he put an end to his momentary enchantment:

"Too educated."

He was the first to bring up what he'd promised his father and asked:

"So, when are we going to visit your forests?"

"We might as well go tomorrow," his father said, not wanting to waste any time in case Sasha changed his mind.

Riding together the next morning through the pastures and into the woods, they smoked cigars in silence.

# סאַשע לוריע

אַ שטיפֿער איז ער געווען אין זײַן קינדהייט. אַ שטאָלצער ייִנגל, ווענען עס האָט זיך שטענדיק אויסגעדוכט, אַז אַלץ קומט אים, אַז אים, סאַשען, טאָר מען אין קיין זאַך נישט אָפּזאָגן. אין שולע זענען די לערער מיט אים זיך ווייכער באַגאַנגען. זײַן רײַכן ייִחוס האָבן אַלע געוווּסט, ער איז געווען אַ פֿעיִקער און אַ פֿוילער, האָט שטענדיק געוואָלט, אַז אַלץ זאָל אַליין קומען אין מויל אַרײַן.
און שטאָלץ איז ער פֿון שטענדיק אָן געווען. לערנען האָט ער נישט געוואָלט, נאָר אַז אַ שילער זאָל אים איבעריאָגן, באַקומען אַ בעסערן „באַל“ פֿאַר אים, דאָס האָט ער נישט געדולדעט.
אין אַלצדינג אַזוי:
האָט ער געקליבן אַ קאָלעקציע מאַרקעס, האָט זײַן קאָלעקציע געמוזט זײַן די בעסטע. זײַנע ליזשוועס צום גליטשן זיך – די בעסטע. זײַנע ביכער – אין די בעסטע באַנדן.
ער איז דאָך לוריעס אַ זון, אים האָט מען דאָך פֿון ערשטן טאָג זײַנעם געקעכלט.
די לוריעס...
מיט אַ גרויס דרך־ארץ פֿלעגט מען דערמאָנען זייער נאָמען. זיי זענען געווען יחסנים, רײַכע מענטשן און דערצו מיט גוטע כאַראַקטערן, זיי פֿלעגן אַלעמען העלפֿן.
זיי האָבן געהאַט אַ קאָטש מיט צוויי שוואַרצע פֿערד. די איינציקע ייִדישע קאָטש אין שטאָט. צום גימנאַזיום פֿלעגט די קאָטש צופֿאָרן און סאַשקעלע מיט די ביכער פֿלעגט, ווי אַ יונגער פּרינצל, אַהיימפֿאָרן.
די גאַנצע גאַס פֿלעגט נאָכקוקן: זעט נאָר! אַזאַ ייִנגל נאָך און פֿאַר אים שפּאַנט מען עס איין אַזעלכע צוויי שיינע פֿערד. אין אַ קאָטש פֿאָרט ער מיט גומענע רעדער... מען האָט מקנא געווען און מען האָט באַוווּנדערט זייער רײַכקייט.
די לוריעס...
זיי האָבן געשעפֿטן מיט אויסלאַנד, דער גובערנאַטאָר קומט צו גאַסט צו זיי און דאָך זענען זיי נישט קיין שטאָלצע מענטשן, פֿירן זיך ייִדישלעך – אויף וויפֿל אַזעלכע גבֿירים קאָנען זיך פֿירן.
סאַשע איז געווען זייער האָפֿענונג, סאַשען האָט מען זייער ליב געהאַט.
און דאָס רונדע גימנאַזיסטל האָט געהאַט די בעסטע חבֿרים. אַלע האָבן זיך מיט אים געחבֿרט.
דערנאָך, ווען פֿון ייִנגל איז אַ בחורל געוואָרן, האָט ער זיך פֿאַרליבט אין אַ גימנאַזיסטין. די שענסטע פֿון שטאָט איז זי געווען. אַלע גראָדנער האָבן פֿון איר שיינקייט גערעדט, אַלע – אַפֿילו אָפֿיצירן – האָבן שטאַרקער צוגעקלאַפּט מיט די שפּאָרן, ווען יענע פֿלעגט פֿאַרבײַגיין די סאָבאָרנע גאַס. און אפֿשר דערפֿאַר ווײַל אַלע האָבן גערעדט פֿון איר האָט זיך סאַשע אין איר פֿאַרליבט.
זי איז געווען פֿון אָרעמע עלטערן און ער פֿון די לוריעס, נאָר ווי אַזוי עס איז געשען – דאָס מיידל האָט פֿון אים נישט געוואָלט וויסן:

— דער „בוץ“ געפֿעלט מיר נישט. – סאַשע איז געווען אַ דיקער, אַ רונדער, כאָטש מיט זייער אַ סימפּאַטישער ווייכער שטים און מיט גלאַנציק־שוואַרצע אויגן.
„בוץ“ האָבן אים גערופֿן זײַנע שׂונאים און די גרעסטע באַליידיקונג איז דאָס געווען פֿאַר אים, ווען ער פֿלעגט עס הערן. ער פֿלעגט דאַן אַרײַן אין כּעס און טופען מיט די פֿיס און שרײַען.
– דער „בוץ“ געפֿעלט מיר נישט, – האָט די גימנאַזיסטקע געזאָגט און אַרומגעשפּאַצירט מיט אַנדערע בחורים און אַפֿילו מיט אָפֿיצירן.
מיט אַלעמען, נאָר נישט מיט לוריעס זונדל.
דאָס איז געווען אין זײַן לעבן די ערשטע מפּלה.
פֿאַר דעם נײַנצן־יעריקן בחור איז דאָס געווען גענוג, ער זאָל ווערן אויף אַ לענגערער צײַט מרה־שחורהדיק און גענענדיקט האָט זיך דאָס מיט אַ גרויסער דאָזע מישיאַק, פֿון וועלכער מען האָט אים קוים אָפּגעראַטעוועט.
אַ לאַנגע צײַט נאָך דעם האָט ער נאָך אַלץ גערעדט, אַז ער וועט זיך דאָס לעבן נעמען, מען האָט אַפֿילו בײַ אים שוין געפֿונען אַ רעוואָלווער, נאָר קיין קוילן האָט ער צו אים נישט געהאַט.
פֿון די אַלע איבערלעבענישן איז פֿון „בוץ“ געוואָרן אַ תּל. ער איז געוואָרן דאַר און שווײַגנדיק, האָט אויפֿגעהערט צו לערנען, איז אַנטלאָפֿן פֿון זײַנע אַלע חבֿרים.
שפּעטער איז מען מיט אים אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד, אַרומגעפֿירט אים פֿון בערלין קיין פּאַריז, פֿון פּאַריז קיין ציריך, דאָרט האָט ער זיך אַ לענגערע צײַט פֿאַרהאַלטן, האָט זיך באַרויִקט און גענומען ווײַטער שטודירן.
אין ציריך און אין אַנדערע שטעט פֿון דער שווייץ האָט ער פֿיל באַקאַנטע און פֿרײַנד געהאַט. עס איז געווען אַ צײַט, ווען די גאַנצע יוגנט האָט געברענט מיט בלוטיקן האַס צום צאַריזם. עס האָבן זיך גרופּירט אַלץ נײַע פּאַרטייען, די רוסישע עמיגראַנטן און צווישן זיי טויזנטער ייִדישע יונגע־לײַט האָבן געהאַט איין חלום, איין שטרעבונג – פּטור צו ווערן פֿון דעספּאָטיזם, אָרגאַניזירן די אַרבעטער. יעדן טאָג – מיטינגען, פֿאָרלעזונגען, רעפֿעראַטן. סאַשע לוריע האָט זיך אויך געפּלאָנטערט אין דעם דאָזיקן עולם, נאָר ער איז צו קיינעם נישט צוגעשטאַנען.
ער פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט העלפֿן מיט באַדײַטנדיקע סומען געלט דעם און יענעם פֿון די רעוואָלוציאָנערן. עס האָבן שוין פֿיל געמיינט, אַז ער ווערט זייערער. ניין, אויף מאָרגן פֿלעגט ער גאָר אַוועקפֿאָרן אין די בערג מיט אַ נײַער „באַקאַנטשאַפֿט“. פֿרויען האָבן אים ליב געהאַט און געלט האָט ער געהאַט מער פֿאַר אַלעמען. פֿון גראָדנע פֿלעגט מען שיקן איבערגענוג.
ער האָט געלערנט און זיך געגרייט צו אַ דיסערטאַציע. ער איז אויסגעוואַקסן און זײַן פּנים האָט זיך אויסגעאיידלט. אין די בערג פֿלעגן אים די טוריסטן אָננעמען פֿאַר אַ מיזרח־טיפּ, ער פֿלעגט אָפּשטעלן מיט זײַן אויסזען און פֿלעגט זיך רויִק שפּרײַזן מיט זײַנע בערישע און זיכערע טריט. ער פֿלעגט זעלטן ווען פֿון עפּעס זיך אָנצינדן, זעלטן ווען אויסערלעך רעאַגירן אויף פֿיל געשעענישן דאַן, בעת אַנדערע פֿלעגן זײַן איבערראַשט.
אַ וועלט פֿאַר זיך איז ער געווען. אַזאַ איינער, וואָס האָט מיט זײַן אויסערלעכער רויִקייט און אָפּגעזונדערטקייט געצוווּנגען צו אויפֿמערקזאַמקייט.
אויף פֿאַרזאַמלונגען, ווו ער פֿלעגט קומען פֿון לאַנגווײַליקייט, פֿלעגט ער זיך צוהערן און אָפּקומען מיט אַ לאַקאָנישער פֿראַזע.
נישט איין מאָל האָט מען פֿון אים געהאַט אַזעלכע פֿראַזן:

– צו פֿיל מענטשן זענען פֿאַראַן אויף דער וועלט, צו פֿיל... מען וועט זיך נישט איַינטיילן מיט גאָטס גאָב, מען וועט זיך אייביק רייַסן און זאָל מען זיך רייַסן, אַ מאָל איז עס גאַנץ אינטערעסאַנט.
– אָבער סאַשע, איינער אַרבעט פֿאַר דעם צווייטן, איינער פֿאַר אַלעמען, אַלע פֿאַר איינעם...
פֿלעגט ער באַמערקן, אַז מען וויל אים אַרייַנפֿירן אין אַ דיסקוסיע און דאָס האָט ער זייער נישט ליב געהאַט, כאַפּט ער זיך און רעדט שאַרף אַרויס זייַן שטענדיקן פֿעסטן: „נאַפּליעוואַט“ און רוקט זיך אָפּ פֿון עולם.
און דאָך האָבן האָבן פֿיל גערעדט, אַז ווען ער וואָלט וועלן – אַ גרויסאַרטיקער אָראַטאָר וואָלט ער געווען – אַ טוער, אַ מענטש וועלכן אַלע וואָלטן געפֿאָלגט. פֿאַרשידענע גרופּן האָבן אים גערופֿן צו זיך. ער פֿלעגט שמייכלען:
– אַ מאָל געפֿעלט מיר די וועלט, אָט אַזוי ווי זי איז זיך מיט אַלע אירע פֿריידן און לייַדן און דאַן ווען זי געפֿעלט מיר נישט, געפֿעלט זי מיר נישט מיט איַיך אַלעמען, מיט די אַלע, וואָס ווילן זי איבערמאַכן, און גייט זיך געזונטערהייט!
קיינער פֿלעגט זיך אויף אים פֿאַר זייַנע שאַרפֿע ענטפֿערן נישט באַליידיקן, נאָר עס פֿלעגט פֿאַרדריסן: אַ שאָד, אַזאַ יונגער און באַגאַבטער מענטש און לעבט אָן אַ ציל.
אָפּט, אַז ער פֿלעגט באַקומען פֿון דער היים אַ גרעסערע סומע געלט, פֿלעגט ער אַוועקפֿאָרן אין מאָנטע־קאַרלאָ און פּטרן די פּאָר גראָשן און קומען צוריק אַ פֿריילעכער, אַ מונטערער.
– אַ מחיה געווען, אין איין שעה געווען אַ מיליאָנער און ווידער אויס. דער קאָפּ האָט געברענט, די נערוון האָבן געציטערט, אַ וועלט מיט איבערלעבונגען דאָרט אין מאָנטע־קאַרלאָ, אין גיהנום פֿון גאָלד.
מען פֿלעגט אויף אים קוקן מיט אַ לייַכטער פֿאַראַכטונג פֿאַר אַזעלכע מעשׂים, פֿאָרט אַ קינד פֿון דער בורזשואַזיע. ער וועט שוין אַנדערש נישט ווערן.
און דאָך אַזוי נישט לערנענדיק, האָט ער אַ סך דערגרייכט און האָט געענדיקט דעם פֿאַקולטעט בעסער פֿאַר אַלעמען. ער האָט שטענדיק געלאַכט פֿון ביכער און פֿון די מענטשן און דאָך האָט ער זיך אַזוי, נישט ווילנדיק, איבערגעלייענט כּמעט אַלע קלאַסיקער, האָט זיך אינטערעסירט מיט באָטאַניק און אַסטראָנאָמיע און דאָס, וואָס אים איז שוין אַרייַן אין קאָפּ איז שוין צוריק נישט אַרויס. און פֿלעגט ער דיספּוטירן, איז ער געווען אַן אָפּאָנענט, מיט וועלכן מען האָט זיך שטענדיק גערעכנט.
נאָר קיין זאַך איז נישט געווען בייַ אים דער עיקר, נישט דאָס לערנען און נישט מאָנטע־קאַרלאָ און נישט אַוואַנטורעס מיט די פֿרויען.
– צוליב וואָס לעבסטו? – פֿלעגט מען אים פֿרעגן.
– אַ מאָדנע פֿראַגע, – פֿלעגט ער ענטפֿערן.
– יעדערער האָט אַ ציל.
– און וואָס האָט מען פֿון ציל?
– איַי, מען קאָן מיט דיר נישט רעדן, סאַשאַ!
– טאָ רעד נישט...
און זייַן אויסגעקעכלטער קערפּער פֿלעגט זיך שטייַף אויסציִען, ער פֿלעגט אין אַזעלכע רגעס קוקן אָן דער זייַט מיט אַ פֿאַרדרוס פֿון אַ פּרינץ, וואָס מען האָט עפּעס מיט אַ נאַרישקייט געשטערט.
איין מאָל האָט ער זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ געשיכטע מיט אַ פֿרוי און צוליב דער דאָזיקער היסטאָריע האָט אים אַ קריסטלעכער סטודענט באַליידיקט מיט אַ גראָב וואָרט. דער גראָדנער לוריע האָט אויפֿגעהויבן זייַן פֿעסטע האַנט און געפּאַטשט.
איז געוואָרן אַ טומל אין דער קאָלאָניע. אַ דועל, עס וועט זייַן אַ דועל.

מען האָט סאַשען אַרויסגערופֿן זיך שלאָגן אויף שפּאַגעס.
האָט ער זיך קאַטעגאָריש אַנטזאָגט:
– איך האָב פֿײַנט די קינדערשע קונצן. איך וועל אים אַ קראַץ טאָן אָדער ער – מיר. איך האַלט נישט פֿון די נאַרישקייטן.
זענען צו אים פֿיל צוגעשטאַנען:
– עס וועט פֿאַלן אַ פֿלעק אויף אונדז, ייִדן זענען פּחדנים – וועט מען זאָגן. – עס האָט געקאָכט און געררודערט און סאַשע האָט זיך געלאָזט איבררעדן.
– גוט, איך וועל זיך מיט אים שלאָגן, נאָר נישט אויף שפּאַגעס, איך וויל פֿון דעם קיין שפּאַס נישט מאַכן... אויף רעוואָלווערן.
האָבן זיךביידע צדדים דערשראָקן: עס קאָן זיך ענדיקן מיט טויט. נאָר סאַשע לוריע האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנס. און ער האָט אויסגעפֿירט.
מען האָט אויסגעאַרבעט תּקנות. די סעקונדאַנטן האָבן זיך געסטאַרעט, וואָס לײַכטער זיי צו מאַכן.
און אין אַ העלן פֿאַרטאָג איז עפּעס אַ פֿרעמדער „פּריץ" פֿון באַוואַריע מיט אַ פֿרעמדן סאַשאַ לוריע פֿון גראָדנע געשטאַנען איינער אַנטקעגן צווייטן מיט רעוואָלווערן.
דער ערשטער האָט געשאָסן דער געפּאַטשטשער און נישט געטראָפֿן. לוריע איז געווען זייער רויִק, ער האָט שווער פֿאַרוווּנדעט זײַן קעגנער. ער האָט נאָך לאַנג געהאַט צו טאָן דאַן מיט דער פּאָליציי פֿון שווייצאַריע.
ער איז געוואָרן אַ העלד בײַ אַ סך. נאָר ער האָט עס געהאַלטן פֿאַר דאָס נאַרישסטע, וואָס ער האָט אין זײַן לעבן אָפּגעטאָן. דאָס איינציקע, וואָס אים האָט געטרייסט איז געווען דאָס, וואָס אין יענעם פֿרימאָרגן בעת ער האָט געשאָסן איז געווען אַ זעלטן שיינער זונאויפֿגאַנג און די בערג זענען געווען וווּנדערבאַר באַלויכטן.
עס האָט זיך בײַ אים אין האַרצן אײַנגעבאַקן יענער פֿרימאָרגן.
אַ לאַנגע צײַט האָט ער זיך נישט געקאָנט מוחל זײַן, וואָס מענטשן האָבן אים געצווּנגען נאָכצוטאָן זייערע נאַרישקייטן.
נאָך דעם צופֿאַל מיטן שיסן זיך האָט ער לאַנג געראַיזט איבער איטאַליע. איינער אַליין איז ער אַרומגעקראָכן אין די בערג, בײַם ברעג ים. און ליבער פֿאַר אַלץ האָט ער געהאַט זיך פֿאַרפּלאָנטערן אין די רויִנען פֿון אַלטע אײַנגעפֿאַלענע שלעסער. ער האָט מיט נײַגעריקייט געקוקט אויף דאָס חרובֿ געוואָרענע און האָט אַליין נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס עס טוט אים שטאַרק הנאה, בעת ער זעט, אַז אַלץ ווערט חרובֿ.
נאָך דער רײַזע האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן צוריק אַהיים.
אַוועקגעפֿאָרן איז ער אַ יונג בחורל מיט רונדע פּלייצעס. אַנטלאָפֿן פֿון זײַן ערשטער מפּלה אין לעבן, פֿון דער נישט־אײַנגעגעבענער ליבע, און צוריקגעקומען קיין גראָדנע שוין אַן עלטערער בחור מיט אַ דיפּלאָם, וועלכן ער האָט גאָר נישט געפּרווּוט אויסנוצן צו עפּעס.
ער איז געקומען צום רײַכן טאַטן און זיך בײַ אים אַוועקגעזעצט.
נאָך די בערג, נאָך דעם אויסלענדישן טומל האָט אים איצט גראָדנע אויסגעזען ווי אַ דערפֿל, אַלץ – אַלע מענטשן, אַלע הײַזער. אַלץ, אַפֿילו זײַן אַמאָליקע ליבע. ווי אַזוי האָט ער זיך דאָס געקאָנט פֿאַרליבן און זיפֿצן פֿון ליבע און סמען זיך געוואָלט צוליב ליבע? ניין, דעמלט איז געווען אַן אַנדער סאַשע.
וואָס האָט ער געבראַכט פֿון אויסלאַנד?
אַוודאי איז ער איצט געווען אַ געבילדעטער מענטש, נאָר קיינעם האָט זײַן בילדונג קיין נוצן נישט געבראַכט און אים אַליין אויך נישט.

ער האָט גאָרנישט געטאָן.
מיט אַ סקעפּטישער גוטמוטיקייט פֿלעגט ער באַגריסן מענטשן און גיין צו זיי.
אמת, נישט אָפֿט, דער גרעסטער טייל פֿון זײַן צײַט איז אַריבער אויף דעם טאַטנס ווייכע קאַנאַפּקעלער, ער פֿלעגט אַ סך שלאָפֿן, אַ סך עסן.
אַ מאָל אַרויסשלעפּן עפּעס אַ בוך און האַלטן זיך מיט אים אַ ביסל צײַט. און ווידער זיך פֿאַרקלערן. ווער ווייס פֿון וואָס.
אַ לאַנדשאַפֿט פֿון דער שווייץ, אַ פֿאַרנאַכט, אַ באַגעגעניש פֿלעגט פֿאַרבײַשוועבן און... מען דאַרף גיין שפּאַצירן אויף דער סאָבאָרנע.
אַזעלכע לאַנגווײַליקע טעג און אַזאַ לאַנגווײַליקע גאַס די סאָבאָרנע מיט די גימנאַזיסטלעך, וועלכע קוקן אויף אים מיט דרך־ארץ, אַ קלייניקייט! ער האָט אַזוי פֿיל יאָר אין אויסלאַנד שטודירט, ער איז אַזאַ געבילדעטער!
זעלטן האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו געפֿינען מיט וועמען צו פֿאַרברענגען, רעדן, שיפֿלען זיך אויף דעם רויִקן ניעמען.
אַ סך מאָל פֿלעגט מען אים זען איינזאַם זיצן אויף אַ באַנק אין גאָרטן, שטענדיק אין נײַע קליידער, נאָר אייביק און אומעטום אין דעם זעלבן אָפּגעקראָכענעם גראָען קאַפּעליוש, וואָס ער האָט געבראַכט פֿון אויסלאַנד.
אַלץ האָבן מענטשן פֿאַרשטאַנען:
לוריעס קדיש איז געפֿאָרן קיין אויסלאַנד זיך לערנען, ווער דען זאָל פֿאָרן לערנען אין אויסלאַנד אויב נישט אַזאַ גבֿירס אַ זון? לוריעס זונדל איז צוריקגעקומען פֿון אויסלאַנד אַן אויסגעבילדעטער און טוט גאָרנישט... איז וואָס? נאָר די רײַכע קאָנען זיך דאָס דערלויבן.
לוריעס זונדל שפּילט אין קאָרטן אין קלוב מיט די אָפֿיצירן און אַ מאָל שיכּורט ער אויך מיט זיי. מענטשן האָבן דאָס אַלץ פֿאַרשטאַנען.
נאָר איינס האָבן זיי נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס אַזאַ סאַשקע לוריע טראָגט אויף זיך אַזאַ אַלטן אָפּגעקראָכענעם קאַפּעליוש? און דער סאַשקע טוט זיי אַלעמען צו להכעיס. אומעטום און שטענדיק מיט דעם זעלבן גראָען קאַפּעליוש.
די מיידלעך פֿלעגן אים שוין פֿון דער ווײַטנס דערקענען צוליב זײַן גראָען הוט...
צום מיינסטנס פֿלעגט ער שפּאַצירן אַליין אויף די שמאָלע גראָדנער טראָטואַרן. אין די באַשיידענע קרעמלעך האָט מען געהאַנדלט, מאַמעס האָבן געקלערט וועגן חתנים פֿאַר זייערע טעכטער און די פּראָווינציעלע מיידלעך האָבן זיך געפֿירט זייערע ליבעס מיט די פֿאַרליבענישן.
אַ מאָל אַ לוויה...
אַ מאָל אַ חתונה...
אַ מאָל אַ שׂרפֿהלע, אַ באַנקראָטל!...
מיט וואָס לעבט אַזאַ שטאָט?
נאָר דער דיקער יונגער־מאַן מיט זײַן אייביקן קאַפּעליוש, מיט זײַן בליק, וועלכער האָט, דאַכט זיך, אויף קיינעם און אויף גאָרנישט געקוקט, לוריעס זון האָט עפּעס אַ נײַ פֿאַרב צוגעגעבן צום גראָען לעבן פֿון דער שטאָט.
און אַז וועלכע עס איז פֿון די פֿרײַלינס פֿלעגט אַ מאָל פֿאַרבײַשפּאַצירן מיט אים, פֿלעגט עס אַרויסרופֿן אַ ווונדער, אַ נײַגעריקייט:
– האַ, האַ! זי שפּאַצירט שוין מיטן גראָען קאַפּעליוש...

– זי שדכנט זיך צו זײַן טאַטנס מיליאָנען.

מען האָט שוין אַזאַ מקנא געווען. נאָר סאַשע לוריע האָט נישט געטראַכט פֿון קיין שידוכים און די גאַנצע שטאָט מיט אַלע אירע זאָרגן און טומלענישן איז אים זייער ווייניק אָנגעגאַנגען.

עס האָט אויסגעדוכט, אַז ער איז פֿון ערגעץ אַראָפּגעפֿאַלן אין אַ טאָל אַרײַן און קאָן זיך פֿון דאַנעט נישט אַרויסקריגן. עס האָט אויסגעדוכט, אַז ער קומט דאָ אָפּ גלות.

פֿון אויסלאַנד פֿלעגט ער באַקומען פֿיל דײַטשע און פֿראַנצייזישע זשורנאַלן. איין מאָל אין חודש פֿלעגט ער זיך צוכאַפּן צו דעם – בלעטערן, בלעטערן און אַוועקוואַרפֿן...

לאַנגווײַליק איז אים פֿיל מאָל געווען און די לאַנגווײַליקייט פֿלעגט אָפּסמען זײַן גאַנצן ווילן, צונעמען בײַ אים דעם מוט אַוועקצופֿאָרן פֿון דאַנעט – זאָל עס גיין, ווי עס גייט.

און ברענגען פֿלעגט עס צו מאָדנע אײַנפֿאַלן:

סאַשע לוריע האָט זיך פֿאַרליבט אין הינט.

מאָפּסן, בערנאַרדן, יאַגדהינט. דאָס איז געווען אַ לאַנגע לײַדנשאַפֿט בײַ אים.

ער האָט אָנגעהויבן קויפֿן הינט, זוכן בײַ אַלע יעגערס די בעסטע מינים. פֿלעגט אים איין „נפֿש“ דערעסן איז באַלד דאָ אַ צווייטער.

דער ליידיק־גייער האָט זיך געווײַלט מיט די כּלבֿים.

די שכנים האָבן געלאַכט און טאַטע־מאַמע האָבן עס געדולדיק איבערגעטראָגן. בײַ זיי איז ער נאָך אַלץ געווען דער קליינער סאַשעלע, ווען מען באַדאַרף אַלץ נאָכגעבן.

אין יענע טעג האָט מען סאַשען אַליין קיין מאָל נישט געזען: יעדעס מאָל האָט אים באַגלייט אַ פֿירפֿיסיקער חבֿר.

אַז מענטשן האָבן אַזאַ רײַכקייט.

אַז קיין זאָרגן זענען נישטאָ.

חבֿרט מען זיך מיט כּלבֿים. פֿאַרפֿאַלן! הינט באַדאַרפֿן אויך לעבן און זיי פֿילן זיך גאָר נישט שלעכט, ווען זיי פֿאַלן אַרײַן אין אַזעלכע הענט.

וויפֿל מאָל פֿלעגט זיך בײַ די לוריעס עפֿענען די טיר און „עפּעס“ אַן אָפּגעריסענער מענטש פֿרעגט:

– איר ט׳קויפֿן אַ הונט, אַן עכטע ראַסע...

– נישט איך, – פֿלעגט זיך דער אַלטער לוריע ווינצלען, – איך האַנדל מיט וואַלד, דאָס איז מײַן זונס מיסחר. – און עס פֿלעגט זיך דערהערן אַ קול:

– סאַשע, קום אַרײַן, מען האָט דיר געבראַכט סחורה.

און סאַשע פֿלעגט די סחורה באַטראַכטן און גלעטן...

אָבער אַלץ ביז אַ צײַט. דאָס האָט אים אויך דערעסן און די בערנאַרדן מיט די כאַרטן זענען נעלם געוואָרן פֿון האָריזאָנט. ער איז ווידער געבליבן בײַם גראָען אָפּגעקראָכענעם קאַפּעליוש...

אַ מאָל מיט די ביכער.

אַ מאָל אין קלוב מיט די אָפֿיצירן אין קאָרטן.

די שטאָט האָט אים פֿון מויל נישט אַרויסגעלאָזט:

– ווען אַזאַ וואָלט וועלן, וואָלט ער דעם בעסטן שידוך געטאָן.

– און געשעפֿטן... דער טאַטע זײַנער ווערט אַלט. פֿרעמדע מענטשן קירעווען מיט דעם טאַטנס וועלדער און זעגמילן.

– אַזאַ ליידיק־גייער.

– אַזאַ אוממענטש...

און דאָך, קיין כּעס האָט קיינער אויף אים נישט געהאַט.
און רופֿן פֿלעגט מען אים נישט אַנדערש ווי „סאַשקע“, כאָטש נישט אַלע האָבן אים פּערזענלעך געקענט
און ער האָט זיך זייער נישט גערן געחבֿרט.
דער טאַטע, די קרובֿים פֿלעגן צו אים צושטיין:
– וואַרף שוין אַוועק די שמאַטע.
דאָס האָבן זיי געמיינט דעם גראָען קאַפּעליוש.
פֿלעגט ער לאַכן און גוטמוטיק קוועטשן מיט די פּלייצעס.
און אַז מען פֿלעגט בײַם אַלטן לוריע פֿרעגן וועגן זײַן זון – פֿלעגט ער ענטפֿערן:
– ער איז געווען אין אויסלאַנד, האָט מיך אָפּגעקאָסט אַ פֿאַרמעגן און געבראַכט האָט ער פֿון דאָרט אַן אַלטן קאַפּעליוש. יאָ, דער קאַפּעליוש.
דער אַלטער האָט אָבער סאַשען זייער ליב געהאַט און געלט האָט ער אים געגעבן וויפֿל יענער האָט נאָר פֿאַרלאַנגט.
און אַוועק איז בײַ סאַשען אַ פּעריאָד פֿון קאָרטנשפּיל, ער פֿלעגט טעג נאָך אַנאַנד אין דער היים נישט קומען און דערציילט האָט מען, אַז ער קאָן שפּילן דרײַ טעג נאָך אַנאַנד, ער שלאָפֿט זיך אויס אויפֿן שטול און שפּילט ווידער. נעמט ווי טאָן דער קאָפּ – בינדט מען אַרום מיט אַ האַנטעך, קאַלט וואַסער לייגט מען צו און ער שפּילט ווידער.
אין דער היים האָט מען וועגן דעם געוווּסט, נאָר קיינער האָט אים קיין וואָרט נישט גערעדט.
– ס׳וועט איבערגיין, – האָט דער אַלטער לוריע געזאָגט און ער האָט געקענט זײַן בן.
אין איין שיינעם טאָג האָט סאַשע די קאָרטן אַוועקגעוואָרפֿן. פֿאַר וואָס?
ער האָט דערפֿילט, אַז דאָס ווערט בײַ אים דער עיקר און פֿאַר דעם האָט ער מורא געהאַט מער ווי פֿאַר אַלץ.
ווערן אַ קנעכט פֿון לײַדנשאַפֿט, האָט בײַ אים געהייסן זײַן אין גיהנום, און אין דער אמתן האָט ער ליב געהאַט אַ ביסל עולם־הזה...
פֿויל איז ער געווען און שלעפֿעריק צו אַרבעטן און אַ דערציִונג האָט ער באַקומען, וועלכע האָט אים צום קאַמף מיטן לעבן נישט געצוווּנגען.
קיין נאַר איז ער נישט געווען. האָט ער זיך אַ ביסל געלאַכט פֿון דער קליינער גראָדנע און פֿון דער גאַנצער וועלט...
אויס קאָרטן...
ער האָט אַפֿילו אין קלוב אויפֿגעהערט צו גיין.
עס איז געווען דאַן זומער, פֿלעגט ער יעדן פֿאַרנאַכט נעמען אַ שיפֿל און פֿאָרן ווײַט מיטן שטראָם און רייכערן ציגאַרן.
די פּאָרלעך מיט די מיידלעך פֿלעגן שוין פֿון ווײַטן אין דער פֿינצטער זײַן שיפֿל דערקענען.
– דאָס איז דאָך סאַשע...
– דאָס פֿײַערלט זיך זײַן ציגאַר.
נאָך דעם גראָען קאַפּעליוש האָט ער נישט אַוועקגעוואָרפֿן.
אַ מאָדנע אײַנגעשפּאַרטקייט. עס קאָן זײַן, אַז דער קאַפּעליוש האָט אים דערמאָנט זײַנע סטודענטישע יאָרן אין אויסלאַנד... ס׳קאָן זײַן, יעדער מענטש האָט אין זיך אַזאַ קוריאָזע אײַנגעשפּאַרטקייט אין קלייניקייטן.
נאָך די קאָרטן האָט ער זיך עטלעכע וואָכן געגריבלט אין די ביכער, געגעסן און געשלאָפֿן.

סאַשע איז געשלאָפֿן בײַ נאַכט און סאַשע איז געשלאָפֿן בײַ טאָג. ער האָט אפֿשר אַליין נישט געוווּסט, ווי אָפּגעהיט זײַן שלאָף איז געווען. די דינסטן פֿלעגט מען אָנזאָגן נישט צו קלאַפּן מיט די טירן, נישט צו רוישן...

און דער טאַטע אַליין פֿלעגט מיט זײַנע סוחרים אַוועקגיין אין לעצטן חדר, כּדי דעם בן־יחיד נישט צו שטערן דעם שלאָף.

דער בן־יחיד האָט אָבער גאָרנישט געטאָן און דאָס האָט מענטשן געריסן די אויגן.

„מענטשן" זאָרגן דאָך איינער פֿאַר דעם צווייטן.

איז שוין דער אַלטער לוריע פֿיל מאָל צו אים צוגעשטאַנען:

– פֿאָר מיט מיר אין וואַלד אַ מאָל. איך האָב אַזאַ פֿאַרמעגן, איך ווער אַלט, פֿאַר וועמען זאַמל איך דאָס אַלץ, – העלף מיר צו אַ ביסל...

סאַשע פֿלעגט קוועטשן מיט די פּלייצעס און גאָרנישט ענטפֿערן.

איין מאָל אָבער האָט ער אויף דעם טאַטנס בקשה יאָ עפּעס געענטפֿערט.

ער האָט דעם טאַטן אַ רגע אָנגעקוקט און ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

– אפֿשר... מיר׳ן פֿאָרן.

פֿאַר דעם אַלטן איז דאָס געווען אַ פֿרייד. ער האָט וועגן זײַן זון געהאַט אַ באַזונדערע מיינונג. ער האָט געטראַכט, אַז סוף־כּל־סוף וועט ער ווערן אַ מענטש, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט ער דעם גראָען קאַפּעליוש אַוועקוואַרפֿן און אויסלאַנד מיט די אויסלענדישע משוגעתן וועלן זיך אויסוועפּן.

סאַשע וועט נאָך ווערן אַ מענטש.

עס האָט זיך נאָך אַ ביסל צײַט פֿאַרצויגן.

סאַשע האָט זיך נישט געאײַלט. די ווײַסע קאַנאַפּקעלעך האָבן אים, ווי צוגעשמידט צו זיך און דערצו האָט זיך אים עפּעס אויסגעדוכט:

ער איז געווען אין לאָסאָסנע, אויף דאַטשע, האָט ער דאָרט באַמערקט איינע... גאָר אַ פּראַכטפֿולע פֿיגור, אַ שווײַגעדיקע. אַ ביסל אין זײַן געשמאַק.

איז ער שוין עטלעכע מאָל געווען אין לאָסאָסנע, נאָר ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף דעם.

אין איין קורצער פֿראַזע האָט ער אײַנגעשלאָסן זײַן מאָמענטאַלע אַנטציקונג און האָט געמאַכט אַ סוף מיט דעם:

„צו פֿיל געבילדעט."

ער האָט זיך דער ערשטער דערמאָנט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט דעם טאַטן און אים דערמאָנט:

– ווען לאָזן מיר זיך אין דײַנע וועלדער?

– כאָטש מאָרגן! – דער אַלטער האָט אויף קיין רגע נישט געוואַרט, טאָמער קריגט סאַשע חרטה.

פֿאָרנדיק מיט אים אויף מאָרגן דורך די לאָנקעס אין וואַלד אַרײַן, האָבן זייביידע גערייכערט ציגאַרן און ביידע האָבן געשוויגן.

ביז זיי זענען געקומען אין וואַלד. דער אַלטער לוריע איז אַרײַנגעגאַנגען צו איסרן אָפּנעמען חשבון פֿון דער אַרבעט און סאַשע איז געבליבן בײַם טײַכל, וועלכעס איז געווען אַרומגערינגלט מיט הויכע סאָסנעס.

דער וואַלד האָט געזונגען. עפּעס האָט זיך גענומען בענקען בײַ דעם בחור סאַשע אין דער נשמה.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

„מײַן טאַטע האָט וועלדער און ער האַקט זיי אויס."

וואָס פֿאַר אַ שיין לעבן מען וואָלט דאָ געקאָנט פֿירן, ווי רויִק מען וואָלט דאָ געקאָנט שלאָפֿן.

אָט אַזוי האָט ער געטראַכט.

אין דעם איז אָנגעקומען אַ באָרוועס מיידל, דאָס איז געווען צילקע.
סאַשע האָט זי דערקענט פֿון זײַנע קינדער־יאָרן.
ער איז צו איר צוגעגאַנגען.
– אַזאַ מיידעלע געווען, אויסגעוואַקסן, האַ!?
– דער וואַלד וואַקסט אויך, זאָל אים נאָר אײַער פֿאָטער נישט אויסהאַקן...
עפּעס איז היימלעך געוואָרן אין גאַנצן וואַלד. רעדן האָט זיך פֿאַרוואָלט איינפֿאַכע גוטמוטיקע ווערטער...
טיף אין האַרצן, אומבאַוווּסטזיניק, האָט זיך סאַשע מיט עפּעס דערפֿרייט.
ווערטער האָבן זיך נישט געפֿונען.
איז זי אָפּגעגאַנגען צוריק צום טײַכל און געקוקט אין דער גרינער העלקייט אַרײַן, אין טײַכל געקוקט און געשוויגן.
זי איז געווען שלאַנק געבויט, און אַפֿילו אין דעם פּראָסטן זומערדיקן קליידל האָט זי אויסגעזען נישט־געוויינלעך.
עס געדויערט אַ לענגערע צײַט זייער שווײַגן. דער וואַלד האָט זיך דערווײַל צוגעזונגען.
– איר זענט אַ מאָל געווען בײַ אונדז אין גראָדנע? – האָט זיך סאַשע אָנגערופֿן.
– און אַנטלאָפֿן, – האָט צילקע אײַלנדיק געענטפֿערט.
– פֿאַר וואָס?
– איך האָב דעמלט זייער ליב געהאַט דעם וואַלד...
– און הײַנט? – איז סאַשע צוגעשטאַנען.
– הײַנט בין איך שוין אַ גרויסע. עס בענקט זיך נאָך מענטשן, עס ווילט זיך אַ סך מאָל זען, ווי די וועלט זעט אויס.
– די וועלט איז זייער גרויס און זייער קליין... – האָט סאַשע אָנגעהויבן.
– אַז איר וועט מיט מיר אַזוי רעדן וועל איך גאָרנישט פֿאַרשטיין, איך בין אַ פּראָסט מיידל.
אין דעם איז ניכע געקומען צו לויפֿן.
– צילקע, מען באַדאַרף פֿאַר די געסט עפּעס מאַכן צום עסן, קום, העלף מיר.
די פֿרויען זענען פֿאַרשוווּנדן אין הויז אַרײַן און סאַשע לוריע איז געבליבן אַליין בײַם וואַסער, וואָס האָט אָן ווילן געברוישט און געקײַקלט זיך ווײַטער.
אַ ציגאַר האָט ער פֿאַררייכערט און געוואָלט טראַכטן, רויִק טראַכטן, ווי זײַן שטייגער איז געווען. נאָר עס האָט זיך נישט געטראַכט, ער האָט כּסדר געקוקט אויף דעם גרויסן, איינשטאָקיקן הויז, וואָס איז געשטאַנען אַזוי נאָענט. פּראָסטע פֿענצטער, מיט נישט־געפֿאַרבטע לאָדנס. די שפּאַלטן אין די ווענט זענען געווען פֿאַרשטאָפּט מיט גרין־שוואַרצן מאָך.
און פֿון אינעווייניק האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג. אויפֿגעהערט און ווידער...

רייזקע זיצט אין פֿענצטער
און אסתּר גייט פֿאַרבײַ.
אסתּרקע, וואָס מאַכסטו!
– מײַנער איז נישט טרײַ.

ער האָט זי שוין געהאַט גוט באַטראַכט, ווי אַ מבֿין, די בלאָע אויגן, דעם באַרג העלע האָר אויפֿן קאָפּ און די באָרוועסע פֿיס... אָט ווי מען וואַקסט דאָ אויס אין וואַלד!
עסן האָט ער נישט געוואָלט, איז ער אַוועקגעגאַנגען טיף אין וואַלד. געגאַנגען און געקלאַפּט מיט אַ שטעקן דיביימער, פּונקט, ווי ער וואָלט אַלעמען אָנזאָגן: „איך בין געקומען!“

מיט אַ מאָל פֿליט דורך אַ געדאַנק ביַי אים אין קאָפּ:
„ווען אַזאַ וואָלט זיך וויַיזן אין ניצע צי אין מאָנטע־קאַרלאָ!"
„אַזאַ פֿרישע שיינקייט", „עס באַמערקט זיך אין אירע אויגן דער ייִדישער בליק. ווען זי וואָלט געווען אַ קריסטין... אויף די ביימער וואָלט זי פֿון ווילדקייט געקלעטערט".
ווערט ער אין כּעס אויף זיך:
„וואָס טראַכט איך אַזוי פֿיל?" „ייִנגלשע שטיק".
ווען ער איז אַוועקגעפֿאָרן צוריק מיטן טאַטן איז צילקע דערביַי נישט געווען און סאַשע האָט אַרומגעזוכט מיט די בליקן. די זון איז פֿאַרגאַנגען און די רויט־מעשענע אָפּגלאַנצן זענען זיי כּסדר נאָכגעלאָפֿן, ווי עמעצער וואָלט אומישנע געפֿאָכעט מיט פֿיַיער.
קומענדיק צוריק אין גראָדנע, האָט ער פֿאַר עטלעכע מענטשן דערציילט:
– פֿאַראַן דאָרט ביַים טאַטן אין וואַלד אַ משרת, אַ שוויַיגנדיקער ייִד מיט אַ גרויסער באָרד, וואָס פֿאַרדעקט אים זיַין מויל. האָט דער ייִד אַ טאָכטער...
און ער האָט גענומען אָפּט פֿאָרן אין דעם טאַטנס וואַלד, וואָס איז געלעגן לעם דעם שטעטעלע מסטיבאָווע.
ער פֿלעגט פֿאָרן אויף דער ליניִקע. די עטלעכע צענדליק וויאָרסט פֿלעגן זיך דורכפֿליִען.
אַ מאָל פֿלעגט ער אויך פֿאָרן מיטן טאַטן. דעם אַלטן לוריא האָט שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס זיַין זון פֿאָרט מיט אים.
אמת, סאַשע האָט דאָרט גאָרנישט געטאָן, ער פֿלעגט זיצן ביַים טיַיכל מיט צילקען, אָדער אַזוי אַרומבלאָנדזשען לאַנגע שעהען אין די ענדלאָזע לאַבירינטן פֿון די ביימער.
נאָר זאָלן מענטשן מיינען, אַז זיַין יורש מיט דעם אייביק־גראָען קאַפּעליוש אינטערעסירט זיך מיט עפּעס און איז נישט קיין געשווירענער ליידיק־גייער.
איין מאָל אויף אַזאַ רייַזע האָט זיך סאַשע צום טאַטן אָנגערופֿן:
– דו ווייסט, טאַטע, אַז אַזאַ צילקע וואָלט אין פּאַריז אָדער ערגעץ אין אַ צווייטער גרויסער שטאָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל...
– וואָס אַזוי? – האָט דער טאַטע איבערגעפֿרעגט.
– טאַטע, דאָס איז אַ זעלטענער עקזעמפּלאַר... דאָס איז אַ מענטש פֿון דער נאַטור, אַ פֿרוי – אַ קאַץ.
דער אַלטער לוריא, אַזאַ רונדער אויסגעקעכלטער גוטמוטיקער גבֿיר, האָט מיט אַ רגע פֿריִער געטראַכט וועגן אַ פּלאַן, וואָס די דיַיטשן פֿון קעניגסבערג האָבן אים אויפֿגעגעבן: בויען אַ טאַרטאַק און ליווערן קיין דיַיטשלאַנד פֿאַרטיק געהילץ.
עס האָט געדויערט עטלעכע סעקונדן ביז ער האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס זיַין זונדל האָט אים דאָ אַריַינגעזאָגט.
– האַ! – האָט ער איבערגעפֿרעגט... – צילקע, יאָ אַ וווּל מיידל פֿון קינדוויַיז אָן, נאָר אַ ווילדע.
געדענקסט, ווי זי איז אַנטלאָפֿן קינדוויַיז פֿון גראָדנע צו פֿוס צוריק אין וואַלד אַריַין?... אַ ווילדע איז זי...
נאָר סאַשען האָט שוין גליַיך פֿאַרדראָסן, וואָס ער האָט מיטן טאַטן אָנגעהויבן אַזאַ געשפּרעך און ער האָט גענומען שוויַיגן און קוקן אין דער וויַיט אַריַין אויף די פֿעלדער, אויף די וועלדער...
ביז די ליניִקע האָט זיי געבראַכט צו איסרן דעם משרת.
פֿון אונטער די ביימער איז געגאַנגען אַ געזאַנג: צילקע האָט געזונגען און עס האָט לאַנג געדויערט ביז סאַשע האָט געפֿונען איר באַהעלטעניש.
– ביסט שוין ווידער דאָ?

אַזאַ פֿראַגע.

סאַשע באַליידיקט זיך.

– אויב דו ווילסט, פֿאָר איך באַלד צוריק, די ליניייקע וואַרט.

– פֿאָר! פֿאָר זיך!

נעמט ער שפּרייַזן צוריק און זי לאַכט זיך פֿונאַנדער...

– נאַרעלע!

צו אים, צו אַזאַ גרויסן בחור, רעדט זי מיט אַזאַ טאָן. זי, וואָס גייט קיין מאָל פֿון וואַלד נישט אַרויס. אַ באָרוועסע. אַן אומאַנטוויקלטע.

און עס איז אים אָנגענעם, דאָך אָנגענעם צו הערן פֿון איר די צאַרטע ווערטער, דאָס וואַלד־געלעכטער.

ער פֿאָרט שוין נישט צוריק. זיי האָבן ביידע אַ סך אַרבעט: די מומע ניכע האָט וועש געוואַשן און זיי ביידע, צילקע און סאַשע הענגען אויף די שטיקלעך גרעט אויף שטריק.

דער וואַלד זינגט און זיי רעדן.

– שטענדיק וואַשט זי, דייַן מומע, שטענדיק בייַם טייַכל מיט די גרעט.

– זי איז שוין אַזאַ. נאָר וואַשן און שייַערן.

און די מומע ניכע איז דערוווייַל אומרויִק. זי ווייס פֿון שטענדיק, זי ווייס עס, עס איז ביי איר ווי אַ געזעץ. אַ בחור מיט אַ מיידל טאָר מען צוזאַמען נישט לאָזן, מען טאָר נישט.

און אַכטונג צו געבן זענען בלויז פֿאַראַן איין פּאָר אויגן. דער מומע ניכעס אויגן דאַרפֿן אַכטונג געבן, אַז עס זאָל צו קיין אומגליק נישט קומען.

זי גייט זיי נאָך, זי רופֿט זיי אין שטוב. נאָר עס העלפֿט נישט.

אַלע פּאָרלעך האָבן שוין אַזאַ טבֿע: נאָר זיי ווילן בלייַבן באַזונדער, און געהערט האָט זי, די מומע ניכע, וועגן דעם סאַשען, אַז ער איז אַ לעביונג, שפּילט אין קאָרטן, שיכּורט מיט אָפֿיצירן.

אַ שרעק.

וואָס קאָן מען שוין דערוואַרטן פֿון אַזאַ.

האָט זי געפּרוּווט רעדן מיט איסרן:

– דו ביסט אַ טאַטע, האָסט איין קינד, גיב אַכטונג.

איז איסר אין כּעס געוואָרן און דער מומען ניכען גענומען זידלען, בייז איז ער געוואָרן ווי קיין מאָל נישט.

און איז אָפּגעגאַנגען.

זי האָט בלויז געהערט, די אַלטע, ווי איסר האָט זיך געברומט עפּעס.

– מיט מייַן קינד... גאָט זאָל אויסהיטן!

די מומע ניכע האָט גענומען מער תּהילים זאָגן.

דער וואַלד, אָבער, האָט זיך דערוווייַל גערוישט. אויף מיליאָנען פֿריש־גרינע נאָדלען האָבן ווינט און ווינטלעך אויסגעשפּילט זייערע שטומע און קלאַנגלאָזע מעלאָדיען.

וואַלד לינקס, וואַלד רעכטס, וועלדער, וועלדער. די גאַנצע געגנט איז געווען פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ פֿון קופּערנע סאָסנעס מיט גרינע מיצן.

ערגעץ ווו האָט מען זיי אויסגעהאַקט, די הויכע שטאָלצע ביימער, נאָר די פֿריילעכקייט איז נישט אַוועק פֿון די געבליבענע וועלדער.

די וועוורקעס האָבן זיך איינער צום צווייטן איבערגעקוויטשעט.

און אונטן צופֿוסנס פֿון די ביימער האָבן טייַכלעך זיך געשלענגלט און גערוישט.

ליולינקע וואַלד, ליולינקע וועלט. עפּעס טומלען זיי די מענטשן, שאַפֿן און בויען, טוען שלעכטס און טוען גוטס.

אָבער מיר פֿליסיקע זילבער־שלוחים פֿון דער אייביקייט...

לויפֿן מיר, שוועבן מיר און שפּיגלען אָפּ אין זיך אַלע וועלדער, אַלע שטעט און די הימלען. מיר קײַקלען זיך אונטער דער ערד און איבער דער ערד. מיר גייען אין ימען אַרײַן און גייען פֿון ים אַרויס, אויף באַרג, אויף טאָל...

און צו וואָס לויפֿן מיר, צוליב וואָס עגבערן מיר שטיינער און פֿעלדזן...

גאָט האָט אונדז געשיקט.

מיר וואַסערלעך און וואַסערן, מיר זענען דאָס בלוט פֿון דער ערד. מיר פֿליסן אין אירע אָדערן און מיר מאַכן אַלץ לעבעדיק.

וועלדער, וועלדער...

די גרינע לאָקן פֿון דער ערד. און עס פלאָנטערן זיך אין די לאָקן שמעטערלינגען, פֿייגעלעך, קאָלירטע פּיצעלעך לעבן. זינגען זיי און פֿלאַטערן אין די ליכטיקע טעג...

זיצן אַזוי צוויי מענטשן, אַ יונגער־מאַן און אַ יונגע פֿרוי און זיי לערנען זיך איצט רעדן.

זיי דאַרפֿן געפֿינען ווערטער פֿאַר זיך. איינער דעם צווייטן זאָל פֿאַרשטיין.

ווײַל זיי זענען פֿרעמדע, פֿון צוויי באַזונדערע וועלטן.

זיי זענען שוין נאָענט. דאָך איינער פֿאַרשטייט נאָך נישט אין גאַנצן דעם צווייטן, שפּראַך פֿעלט.

אפֿשר וועט דער רויש פֿון די ביימער זיי אויסלערנען רעדן? אפֿשר דאָס מורמלען פֿון טײַכל?

דערווײַל וואַרפֿן זיי שפּענדלעך און שישקעס אין וואַסער און לאַכן פֿון זאָרגלאָזן גאָרנישט.

אַ וועוריק קוויטשעט, אַ האַק קלאַפּט ערגעץ ווײַט, ערגעץ ווײַט.

מען האָט געעפֿנט די צווייטע שטוב, אין וואַלד, וווּ סאַשע האָט זיך אַ ביסל אײַנגעאָרדנט. ער פֿלעגט דאָרט זייער אָפֿט נעכטיקן, געבראַכט ביכער פֿון דער היים און פֿון צײַט צו צײַט געאַרבעט.

אין דער אמתן האָט אים דער וואַלד שטאַרק געצויגן, ער האָט שוין געהאַט זײַנע וועגעלעך, זיך באַקאַנט מיטן שאָמיי־וועכטער, ער איז געווען אין אַלע נאָענטע דערפֿער און ייִשובֿים – אַ סך מאָל מיט צילקען און זייער אָפֿט אַליין.

צילקע...

איין מאָל שפּאַצירנדיק מיט איר אַזוי, ער – אין העל גראָען שטאָטישן אַנצוג מיטן אַלטן קאַפּעליוש. זי – אַ באָרוועסע מיט אַ ליַיכט ווײַס קליידל, די האָר פֿאַרדעקט מיט אַ פויעריש טיכל. זי האָט געהערט וואָס ער רעדט, און פֿון אַלץ געלאַכט. מיט אַ מאָל גיט זי אים אַ פֿרעג:

– סאַשע, מיר פֿירן אַ ליבע?

איז ער געבליבן שטיין אַ ביסל צעטומלט. דערנאָך געענטפֿערט:

– דו געפֿעלסט מיר, צילקע, ביסט אַן אמת נאַטורקינד, ביסט...

– רעד מיר נישט פֿון קיין אַנדערע זאַכן!

„אַנדערע זאַכן“ האָט בײַ איר געהייסן אַלץ, וואָס זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען.

– ניין! צילקע, – האָט סאַשע אין שפּאַס געענטפֿערט, – דערווײַל פֿירן מיר נאָך נישט קיין ליבע, אפֿשר וועלן מיר נאָך פֿירן.

– „ווען?“ „ווען?“ – איז די צוגעשטאַנען, אַלע מיידלעך אין מסטיבאָווע פֿירן ליבעס.

– מען דאַרף זיך דאָך פֿריִער פֿאַרליבן.

צילקע האָט אויפֿגעהויבן אויף אים אירע ליכטיקע אויגן, נישט פֿאַרשטאַנען האָט זי זײַנע ווערטער, נאָר אין דער רגע איז ער איר זייער געפֿעלן געוואָרן. די גרינקייט פֿון וואַלד האָט געוואָרפֿן אַ מאַטאָווע שײַן אויף זײַן געזיכט, די שוואַרצע גוטע אויגן זײַנע האָבן אַרויסגעלויכטן און געשמייכלט. ער האָט געטראַכט אין דער רגע, אַז די דאָזיקע צילקע ווייסט נאָך גאָרנישט, אָבער גאָרנישט, נאָר אַז זי וועט זיך אויפֿכאַפּן פֿון איר וואַלדשלאָף, אַז זי וועט צום ערשטן מאָל אַרומנעמען אַ מאַן, וועט דאָס זײַן אַ פֿײַער, וועט דאָס זײַן אַ פֿײַער...

נאָר צילקע האָט עטלעכע סעקונדן אַרײַנגעקוקט אין זײַנע אויגן און געווען איז דאָס דערפֿאַר, ווײַל די מומע פֿלעגט איר שטענדיק זאָגן, אַז אַ מענטש באַדאַרף מען אַרײַנקוקן אין דער נשמה, כּדי אים צו דערקענען.

ער פֿלעגט שפּרײַזן לאַנגזאַם מיט בערישע טריט. דערבײַ דערציילן צילקען אמתע און אויסגעטראַכטע מעשׂיות. ער האָט זיך געסטאַרעט צופּאַסן צו איר, זי זאָל אים פֿאַרשטיין.

וואָס האָט ער געוואָלט פֿון איר?

וואָס האָט ער דאָ געזוכט אין וואַלד?

ער האָט עס נאָך אַליין גוט נישט פֿאַרשטאַנען. וועלט און מענטש האָט ער שוין אַ ביסל געקענט, – נימאס איז אים די וועלט נישט געוואָרן, לאַנגווײַליקייט פֿלעגט אים נישט שרעקן – דער ערשטער ציגאַר פֿלעגט יעדע לאַנגווײַליקייט פֿאַרטרײַבן. אָבער דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט נאָך קיין שווערע זאָרג אין לעבן נישט געהאַט, אַ מענטש, וואָס איז נאָך אין קאַמף פֿון לעבן קיין מאָל נישט געגאַנגען... ער האָט דאָך געהאַט עטלעכע זינגענדיקע סטרונעס אין זײַן נשמה און די קלאַנגען זייערע האָבן געזוכט אָפּקלאַנגען.

פֿלעגט ער זיי געפֿינען, די אָפּקלאַנגען, אַ סך מאָל אין דער איינזאַמקייט, אין דער רויִקייט, אין זײַן פֿאַרטראַכטער אָפּגעזונדערטקייט.

און קלעטערנדיק אויף די שפּיצן פֿון די אַלפּן, האָט ער אַ סך מאָל געכאַפּט דעם אָטעם פֿון יונגן פֿרימאָרגן, אָדער דעם לעצטן קלאַנגלאָזן זיפֿץ פֿון פֿאַרגאַנגענעם טאָג...

ער פֿלעגט זיך דערבײַ שטאַרק פֿאַרטראַכטן.

אָנגעשפּאַרט אָן אַ פֿעלדז, אַרומגערינגלט אין גאַנצן מיט רויטלעכע אָפּגלאַנצן פֿון זונפֿאַרגאַנג, פֿלעגט ער אָפֿט גאַנץ דײַטלעך דערזען זײַן איינזאַמקייט.

ער אַליין, נישט אַלע האָבן דאָ אַרויפֿגעקלעטערט אין דער הייך. פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס איז ער נישט געבליבן מיט זיי דאָרטן, מיט זייערע טומלענישן און טאָג־טעגלעכע קליינינקייטן.

און ער פֿלעגט אויף זיך נעמען קוקן, ווי אויף עפּעס אַן אַנדערן, אַן אויסדערוויילטן... ביז ער פֿלעגט זיך פֿונאַנדערלאַכן פֿון זיך אַליין און טאַקע גלײַך אַראָפּגיין אונטן צו אַלעמען.

אפֿשר דאָך... אפֿשר איז ער טאַקע אַן אַנדערער? דאָס נישט קענען זיך צונויפֿגיסן מיט אַלעמען, דאָס אַנטלויפֿן צו די קאָרטן און דאָס שטענדיקע יאָגן זיך נאָך די פֿרויען... אפֿשר איז דאָס צוליב דעם, וואָס ער וויל זיך אַליין פֿאַרטרײַבן פֿון זיך?

אפֿשר איז ער אַ פּאָעט?

און מיט דעם פֿלעגט סאַשע לוריע אַ סך מאָל טאַקע זינדיקן. ער פֿלעגט אָפֿט שרײַבן, נאָר גלײַך דערמאָנט ער זיך, וואָס בײַ די חבֿרה־לײַט קומט פֿאָר. ער דערמאָנט זיך די טיפֿן מיט די לאַנגע האָר, מיט די באַקנבערד אין סאַמעטענע קורטקעס און ער פֿאַרשעמט זיך פֿאַר זיך אַליין, צערײַסט ער גלײַך דאָס אָנגעשריבענע.

וואָס זוכן זיי פֿאָרט די זינגענדיקע סטרונעס פֿון זײַן נשמה?

ער האָט אויך אויף דעם געהאַט אַן ענטפֿער: „אָט דערפֿאַר זינגען זיי די סטרונעס, ווײַל זיי זוכן עפּעס“.

און איצט אין וואַלד...
די רויִקייט האָט אים אַרומגענומען פֿון אַלע זײַטן. אַ יאָר לעבן אין זומפּ פֿון גראָדנער אָפּגעשטאַנענעם לעבן האָט אים ווי אײַנגעשמידט זײַן גאַנצן קערפּער, נאָר איצטער, דאָ אין וואַלד, האָט דאָס באָרוועסע מיידל מיט די העלע אויגן, זי האָט אים אויפֿגעוועקט, אויפֿגעוועקט, ווי די אמתע נאַטור אַליין.
די סטרונעס האָבן זיך צעזונגען...
נאָר דער רויך פֿון ציגאַר האָט עס פֿאַרשטעלט, ער האָט זיך אַליין קאָנטראָלירט און... אַלץ מער פֿאַרבראַכט אין וואַלד.
די זומערדיקע טעג דויערן זייער לאַנג. מען קאָן אַ סך טראַכטן אין אַזוי פֿיל שעהען, און דאָס לעבן אַליין איז אַזוי נאָענט... צילקע מיט די באָרוועסע פֿיס האָט גערייצט.
ער האָט זי נאָכגעפֿאָרשט און נאָכגעגאַנגען...
שוין מיט אומרויִקייט.
שוין בייז אויף זיך פֿאַר אומבאַפֿרידיקטע פֿאַרלאַנגען.
און זי אַליין...
ווי אַ צײַטיקער עפּל האָט זי אויסגעזען.
ווי אַן עפּל, וואָס ווייס אַליין נישט זײַן טעם און רייץ.
אַ פֿײַער, וואָס צינדט אָן און ברענט אַליין נישט.
וואָס האָבן זיי אויסגעטראַכט אויף איר, אַז זי איז אַ ווילדע?
ווּ ווילדקייט, ווען ווילדקייט?
ייִדישע מיידלעך זענען נישט ווילד.
סאַשע האָט זיך געבייזערט דערפֿאַר אויף זיך, אויף איר...
נאָר פֿון וואַלד פֿלעגט ער אַוועקפֿאָרן אויף זייער קורצע טערמינען און באַלד צוריקקומען.
אין דער היים האָט מען עס באַמערקט.
דאָס אַלטע פּאָרפֿאָלק לוריע האָט צווישן זיך געהאַט אַ שמועס:
– ער לויפֿט אין וואַלד, איסרס טאָכטער געפֿעלט אים. – דאָס האָט לוריע אַליין געזאָגט.
און זײַן ווײַב די יחסנטע האָט זיך פֿאַרקרימט.
– מיט אונדזער משרתס טאָכטער.
האָט שוין דער אַלטער לוריע געהאַט אַזאַ פּלאַן:
– הלוואַי פֿאַרדרייט זי אים דעם קאָפּ, ער זאָל מיט איר חתונה האָבן, וועט ער דעמלט אַוועקוואַרפֿן זײַן גראָען קאַפּעליוש מיט אַלע נאַרישקייטן.
ווען סאַשע וואָלט הערן אַזאַ שמועס... ער וואָלט טאַטע־מאַמע אָפּגעזידלט, וואָס מישן זיי זיך אין זײַנע ענינים.
ער וואָלט אַ סקאַנדאַל געמאַכט.
אים טאָר מען נישט אָנרירן. האָט מען זיך נאָר געשושקעט וועגן דער געשיכטע...
דער אַלטער איסר, דער שווײַגנדיקער...
איין מאָל גאַנץ פֿרי, בעת צילקע איז נאָך געשלאָפֿן, איז איסר אַרײַנגעקומען צו סאַשען און גלײַך צוגעטראָטן:
– איך האַלט דיך פֿאַר אַן אָרנטלעכן מענטש. איך ווייס, אַז אין גאָט גלייבסטו נישט, נאָר דו האָסט אַ האַרץ, דאָס פֿיל איך...
סאַשע האָט אים רויִק אָנגעקוקט.

– מער ווי איין קינד האָב איך נישט...
און אין דעם אַלטנס קול האָט זיך געפּילט געוויין. ער האָט עס אַרויסגערעדט און האַסטיק אַרויס פֿון חדר.
– איסר! – האָט סאַשע אַ געשריי געטאָן און איז צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער.
האָט ער באַמערקט, ווי דער אַלטער ווישט די אויגן.
– איסר, איך שווער אײַך...
וואָס ער שווערט האָט ער אין דער רגע זיך אַליין קיין רעכענונג נישט אָפּגעגעבן. איסר איז שווײַגנדיק אָפּגעגאַנגען און סאַשע האָט אַרויסגעקוקט אין פֿרימאָרגנדיקן וואַלד. די זונפּאַסן זענען איצט געלעגן אַ סך נענטער, ווי בײַ טאָג. די יונגע סאָסנעס האָבן געשמעקט און כאָטש ער איז אַ ביסל צעטומלט פֿון דעם אומגעריכטן באַגעגעניש, דאָך איז אים פֿריילעך געווען אויף דער נשמה און ער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויף צילקען...
דער טאָג האָט זיך מער געלאָזט פֿילן.
פֿון פֿעלד האָט אַ שייגעץ געבראַכט די צוויי קי און זיי זענען געשטאַנען און געוואַרט אויף עפּעס... צוויי ברוינע קי, ווי די סאָסנעס. אַזאַ קאָליר האָבן זיי געהאַט.
און סאַשען איז די ענלעכקייט געפֿעלן געוואָרן.
„וואַלד לאָזט שפּורן“:
צילקעס האָר זענען אויך ענלעך צו די סאָסנעס.
שפּעטער איז געקומען פֿון מסטיבאָווע די מומע ניכע. זי איז, ווײַזט אויס, זייער פֿרי אַוועק אײַנקויפֿן. זי איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם פֿענצטער. סאַשע האָט איר אָפּגעגעבן „גוט מאָרגן“, זי האָט קאַלט געענטפֿערט.
– זײַט נישט בייז אויף מיר, מומע ניכע!
– איך בין נישט בייז, סאַשע! – און זי איז אין שטוב צו זיך אַרײַן.
„אין גאָט גלייב איך נישט, נאָר אַ האַרץ האָב איך“.
אַזוי האָט געזאָגט איסר...
און אויב ער וועט אַ סך בעטן, וועל איך אין גאָט אויך גלייבן.
„אָבער אַ האַרץ האָב איך.“
עס איז גוט צו האָבן אַ האַרץ.
און פֿילן אַזאַ טײַערן פֿרימאָרגן.
און...
זי שטייט שוין אויפֿן גאַניק פֿון איר טאַטנס הויז און זשמורעט פֿון דער זון די אויגן און ציט זיך אויס, ווי אַן אויפֿגעוואַכטע בייגיקע קאַץ און באַמערקט נישט, אַז לוריעס זון, אָט דער וואָס איז געקומען פֿון אויסלאַנד, לוריעס זון, וואָס קומט איצט אַזוי אָפּט אין וואַלד... צוליב וואָס קומט ער דאָ, דער סאַשע?
ער שטייט און קוקט אויף איר און באַוווּנדערט איר יעדן בייג, יעדער שטראַל פֿון אירע האַלב אָפּגעדעקטע גלידער...
אָט אַ פֿרוי... אַ פֿיגור. ער האָט וועגן אַזאַ אַפֿילו געחלומט אין זײַנע בעסטע חלומות.
מיט אַ מאָל נעמט זי רופֿן:
– מומע ניכע, מומע ניכע! די בהמות וואַרטן – און זי לויפֿט אַוועק און פּלאָנטערט זיך דאָרט ערגעץ אין שטאַל.
נעמט זינגען און הערט אויף. זינגט און הערט אויף.
דער וואַלד אָבער זינגט כסדר.